טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 124 | יתרו - משפטים תשפ"ד לפ"ק

# מען קען נישט פארלירן קיין שום הנאה!

## יעדע תענוג איז אונז פונקטליך אנגעשריבן; ס'איז פשוט א נארישקייט דאס צו אליין נעמען באיסור, אנשטאט עס צו באקומען פון השי"ת

### די תענוג שטייט און ווארט שוין אויפ'ן מענטש

א הפלא'דיגע יסוד ווערט ערקלערט אין די הייליגע ספרים, אז ווען עס קומט צו אלע סארט נסיונות מיט שמירת עינים, איז דא א קריטיש וויכטיגע כלל, וואס מ'דאַרף אלעמאל קלאר וויסן און געדענקן: אז **באמת גיבן מיר נישט אוועק קיין שום הנאה בשעת מיר שטארקן זיך אויף א נסיון!**

די **ספרים הק'** זענען מסביר אַז יעדע הנאה וואָס דער מענטש באַקומט גייט ער סייווי באקומען! ווייל דאָס איז אים אָנגעשריבן געוואָרן פון פאָראויס.

פאַר אונז איז בלויז געבליבן צו באשליסן וואָס מיר ווילן ענדערש: אויב מיר ווילן 'באַקומען' די הנאה אויף א הייליגן אופן, אלס א מתנה פון השי"ת. אדער אויב מיר ווילן זיך 'אליינס נעמען' די הנאה, דורך אן עבירה, טראצדעם וואס מיר גייען שפעטער באצאלן דערפאר גאר טייערע ריבית, חלילה.

### 'כל מזונותיו קצובים מראש השנה' מיינט אויך אלע סארט הנאות

אט דער יסוד נפלא ווערט הערליך אויסגעשמועסט דורך הגאון הקדוש **בעל ארץ צבי מקאזיגלאוו זצ"ל** - א תלמיד מובהק פון הייליגן **אבני נזר** זצ"ל און פון די גרעסטע פוילישע צדיקים וגאונים פאר'ן חורבן אייראפע - וועלכער ערקלערט דאס אין זיין ספר **ארץ צבי** (ויצא) ווי פאלגנד:

א איד וואס גלייבט אין דער מצות עשה פון 'אנכי ה' אלקיך'; א איד וואס האט אן אמונה אז יעדע תענוג פון א מענטש קומט בלויז פון דעם רבוש"ע; אזא איד ווייסט קלאר אז **ס'איז פשוט אוממעגליך צו נעמען סיי וועלכע הנאה אדער פארגעניגן, וואס איז נישט אנגעשריבן געווארן פאר'ן מענטש ראש השנה!**

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער: אפילו די הנאה פון אן עבירה קען דער מענטש נישט האבן, בלויז אויב ס'איז געווארן אנגעשריבן פאר אים אז ער גייט דאס יאר שפירן די תענוג!

אויב וואלט דער איד זיך מתגבר געווען אויף זיין נסיון און ער וואלט נישט עובר געווען אויף די עבירה, **וואלט ער פאקטיש באקומען געוני די 'זעלבע מאס פון הנאה', אלס א געשאנק פון הימל בהיתר גמור!**

### וואס איז אונזער בחירה בשעת אַ נסיון?!

די בחירה וואס א מענטש האט אויף דער וועלט איז 'נישט' אויב ער זאל קענען באקומען די הנאה! ווייל די הנאה גייט ער סייווי באקומען. ס'איז דאך שוין באשטימט געווארן פאַר אים זינט ראש השנה!

די איינציגע בחירה וואס דער מענטש פארמאגט 'יא' איז בלויז אויף די החלטה, אויב ער זאל באקומען די הנאה פון הימל 'באופן היתר', אויף א זיסן און געשמאקן וועג. אדער ער זאל זיך דאס אליין נעמען אויף אן אומאויסגעהאלטענעם וועג, וואס דעמאלט וועט אים עס שפעטער קאסטן א ביטערן פרייז, רח"ל.

דאס מיינט אז ווען א מענטש נעמט זיך סיי וועלכע הנאה שלא כדרך התורה, האט ער זיך פשוט געפערליך באנארישט, **ווייל ער וואלט דאך אלענפאלס באקומען אקוראט די זעלבע הנאה!** אבער יעצט גייט ער בלויז ליידן פאר'ן עס נעמען באיסור און נישט אויסווארטן ביז ער וועט דאס באקומען בהיתר.

### געגנבט זיין אייגן געלט...

דער **קאזיגלובער גאון** לייגט דארט צו א טרעפליכע מעשה וואס האט פאסירט ביי הרה"ק רבי **יצחק מווארקא** זי"ע, וועלכער האט געהאט א משמש, א גרויסער ארימאן וואס האט זיך ארומגעדרייט מיט צעריסענע שיך, נישט האבנדיג קיין געלט צו קויפן געהעריגע שיך.

דער צדיק האט רחמנות געהאט אויף דעם איד און האט אנגעהויבן אוועקלייגן געלט, מיט'ן חשבון אז ווען ס'וועט אנקומען צו גענוג א שיינע סומע אז מ'זאל קענען דערמיט קויפן שיך וועט ער דאס איבערגעבן פאר'ן משמש.

אינצווישן האט דער משמש, וועלכער האט נישט געוואוסט פון דער גאנצער זאך, באמערקט אז ס'ליגט אוועקגעלייגט א פעקל געלט ביים רבי'ן, און זייענדיג אין א געדריקטן מצב האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן. ער האט גע'גנב'ט דאס געלט און זיך געקויפט דערמיט שיך...

ווען מען האט זיך דערזען אז דא האט פאסירט א גניבה איז מען נאכגעגאנגען די זאך און מען האט זיך דערוואוסט ווער ס'איז געשטאנען דערינטער. דעמאלט האט אים דער ווארקער רבי צוגערופן דעם משמש און אים געזאגט: **"גיט א קוק ווי די גאנצע גניבה איז געווען בלויז א טפשות און א נארישקייט, דאס געלט וואלט דאך ממילא אנגעקומען צו דיר! פארוואס האסטו דאס געדארפט נעמען מיט אן עבירה?!"**.

## תוכן הגליון

מען קען נישט פארלירן קיין שום הנאה! ____ זייט 1
יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 3

## ווארט אויס צו באקומען די הנאה וואס איז דיך באשערט

די געוואלדיגע לימוד פון דער מעשה איז אז אפילו א גנב, האט נישט קיין שום מעגליכקייט צו גנב'ן גארנישט, בלויז אויב ס'איז אים אנגעשריבן געווארן אז דאס געלט גייט אנקומען צו זיין אייגנטום. **אויב וואלט דער גנב נישט געווען קיין טיפש וואלט ער שיין אויסגעווארט און דאס זעלבע פעקל געלט וואלט אנגעקומען צו אים אויף א שיינעם וועג!**

דאס זעלבע זאך איז **מיט יעדע סארט הנאה און מיט יעדע געפיל פון תענוג!** אויב דער מענטש האט דאס באקומען איז א סימן אז דאס איז שוין געווען פאר אים אנגעשריבן פון ראש השנה! פארוואס זאל מען דאס אלזא כאפן אומריכטיג?!

דער **קאזיגלובער גאון** ברענגט א געוואלדיגע ראי' אויף דעם יסוד פון דער גמרא אין **מסכת מנחות** (דף מ"ד ע"א) וואו חז"ל דערציילן פון איינעם וואס איז בייגעשטאנען א שווערע נסיון בעניני קדושה און ער האט דאס שפעטער באקומען באופן היתר, ווייל **אזוי ארבעט עס אייביג אויף דער וועלט**: די הנאה איז שוין אנגעשריבן בעפאר, די נסיון איז נאר אויב מ'זאל דאס אויסווארטן אדער אליין נעמען חלילה באיסור.

## מען קען נישט דערלייגן פון זיך מתגבר זיין אויף א נסיון

דער ארץ צבי פירט אויס מיט הייליגע ווערטער: ווען דער יצר הרע קומט צו א מענטש און רעדט אים איבער צו דורכפאלן מיט אן עבירה, ווייל דאס וועט אים ברענגען א שטארקע הנאה, זאל דער איד וויסן אז מיט'ן נישט טון די זאך גייט ער נישט פארפאסן די הנאה! **ער וועט גארנישט דערלייגן פון זיך שטארקן אויף דעם נסיון!** אדרבה, ס'איז ממש א טפשות צו נעמען די הנאה אויף דעם וועג, ווייל די הנאה איז דאך באשטימט פאר אים אויף יעדן פאל, און ווען ער וועט עס נישט באקומען באיסור וועט עס ממילא אנקומען צו אים בהיתר!

## ובחרת החיים - אין אדם שומע לי ומפסיד!

די הייליגע ווערטער גיבן אונז אזא ליכטיגע בליק אויף דעם גאנצן טעמע פון נסיונות אין שמירת עינים, יעדעס מאל ווען דער יצר הרע זוכט אונז צו באאיינפלוסן און באצוקערן כאילו ס'לוינט זיך צו קוקן.

דאס איז נישט בלויז נוגע אויף די עצם נסיון פון שמירת עינים, נאר אויך אויף אלע סארט געלעגנהייטן ווען דער בעל דבר רעדט אונז איין אז מ'קען פארדינען אויפ'ן חשבון פון שמירת עינים.

צום ביישפיל ווען מען טוט ביזנעס און מען קלערט אז אויב מ'וועט חלילה נאכלאזן אביסל פון דעם יראת שמים וועט מען קענען האבן א מער צוגעניגלכע באציאונג מיט די קליענטן, א פראקטישערן מהלך אין געשעפט, א רואיגערע און געשמאקערע רייזע, א בעסערן איינדרוק אויף מענטשן, א.א.וו. אזעלכע ביישפילן זענען אן קיין שיעור און קומען אפיר אויף אלע סיטואציעס, ווען מענטשן מאכן זיך דעם חשבון אז "איך קען נישט יעצט זיין אפגעהיטן כהלכה, ווייל איך וויל דאך מצליח זיין מיט דעם דיעל"... כאילו מ'קען עפעס מרויח דורכ'ן נישט מקפיד זיין אויף אלע הלכות פון שמירת עינים.

א איד וואס גלייבט אבער אין די פשוט'ע אלף בית פון אמונה, ווייסט קלאר אז די מאס הנאה, און די מאס רויח פון געלט, וואס ער גייט באקומען איז אים שוין אנגעשריבן געווארן דעם פארלאפענעם ראש השנה; **דער רבוש"ע גייט דאך אים געבן די זעלבע תענוג און די זעלבע פארדינסטן פון א גוטע פלאץ**, אויב אזוי, **פארוואס זאל ער זיך באנארישן** צו נהנה זיין אדער פארדינען געלט באיסור ווען סך הכל וועט אים דאס ברענגען שווערע עונשים בזה ובבא - **לוינט דען דאס געשעפט?!**

## ס'איז די זעלבע הנאה פון אן אנדערע קראן

ווי טרעפליך איז צוצושטעלן דערצו דאס באקאנטע משל פונעם הייליגן **חפץ חיים** זצ"ל, אז פרנסה איז גלייך ווי אן אנגעפולטער פאס פון וואסער וואס האט געהאט איין קראן, און א נארישער מענטש וועלכער האט געוואלט באקומען מער וואסער האט ער צוגעלייגט נאך א קראן אז דאס זאל וואסער זאל קומען פון נאך א ריכטונג...

יעדער בר דעת פארשטייט דאך אז די זעלבע הנאה וואלט דער מענטש באקומען דורך דעם ערשטן קראן, און **ס'איז בלויז א נארישקייט צו עפענען נאך קראנען, וואס וועט אים גארנישט ברענגען מער!**

משל למה הדבר דומה, א קליין קינד קוקט זיך צו וויאזוי זיין פאטער לייגט אריין א קליין פלאסטישע קארטל אין אן 'עי. טי. עם.' מאשין וואס שפייט אויס א פעקל דאלארן. אויף די וואונדער פון דאס קינד האט אים דער טאטע ערקלערט אז דאס איז א 'דעביט קארטל' וואס מ'קען דערמיט ארויסנעמען געלט פון דעם מאשין.

הערנדיג איבער דעם טעכניק האט דאס קינד זיך געמאכט א פשוט'ן חשבון, אז אויב וועט ער ארייננלייגן דאס קארטל אין עטליכע מאשינען וועט ער דאך ווערן אן עושר איבערנאכט... גאנץ שנעל איז ער אבער געוואויר געווארן אז דער חשבון שטימט נישט, ווייל **"מען קען נישט נעמען מער געלט וויפיל ס'ליגט אין דער אקאונט"**, אפילו אויב מען פרובירט דאס צו

המשך אויף זייט 4 »



אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עח:)

# יֹאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## אבענקל אין עמערדזשענסי רום

איך האב געדארפט זיין אין עמערדזשענסי רום מיט א קינד. ווי באקאנט קען מען דארט ווארטן שעות, און מ'איז נערוועז דערצו, און אין דעם מצב דארף מען זיך ספראווען מיט די נסיונות פון אלע זייטן.

איך בין געזעסן קעגנאיבער א גלאזערער טיר, וואו מ'האט געקענט מיטהאלטן אלעס וואס טוט זיך די אנדערע זייט. האב איך מיך דערמאנט איינע פון די עצות וואס איז געשטאנען אינעם גליון בנוגע אן עראפארט, אויסצודרייען דאס בענקל מ'זאל זיצן מיט'ן פנים צו דער וואנט. האב איך געטראכט אז איך קען יעצט אויך ניצן די זעלבע עצה, און איך האב טאקע אזוי געטון.

ס'גייט נישט דורך מער ווי עטליכע סעקונדעס, און דער דאקטער איז דא! פון דארט האט אלעס אנגעהויבן פארן שנעל, און נישט לאנג דערויף האב איך מיך געטראפן אינדרויסן.

הבא ליטהר מסייעין אותו!

## פארדעכטיגטע סחורה

איך האב א חבר וועלכער ארבעט אלס א בראוקער פאר אמאזאן פראדוקטן. ער פארקויפט נישט אליין קיין פראדוקטן אין ריטעיל, נאר ער זוכט אויף אייטעמס פאר גוטע פרייזן, און ער שדכנ'ט עס דערנאך אן פאר אמאזאן סעלערס וועלכע פארקויפן עס ווייטער, און ער מאכט דערפון שדכנות געלט.

איין טאג נישטערנדיג פאר סחורה, האט זיך דער יונגערמאן אנגעשטויסן אין א געוויסן פראדוקט פאר זייער ביליג. זעענדיג אז ער האט דא א גוטע מציאה, האט ער שנעל אנגערופן איינעם מיט וועמען ער האנדלט אסאך, און אים אנגעטראגן צו פארקויפן דעם אייטעם אויף זיין אמאזאן קאנטע. יענער האט איינגעקוקט דעריין, געמאכט אלע חשבונות, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז מ'קען דא לייזן אפאר דאלאר.

ער האט שוין געהאלטן פאר'ן געבן דעם לעצטן אקעי, אבער דאן האט ער באמערקט אז אויף דער פאקונג פונעם פראדוקט איז דא א נישט-איידל בילד. ס'איז נישט געווען ממש פריצות'דיג, אבער אויך נישט איידל. דער סעלער האט זיך אנטשולדיגט פאר'ן בראוקער אז ער קען נישט פארקויפן אזא זאך. דער בראוקער האט אים פרובירט משכנע זיין אז ס'איז נישט ממש פריצות'דיג און מ'קען דא מאכן שיינע רווחים... אבער ער האט נישט געוואלט הערן. ער מאכט נישט קיין ביזנעס אויפ'ן חשבון פון אידישקייט.

זעענדיג אז מיט אים וועט עס נישט גיין, האט דער בראוקער אנגערופן א צווייטן. ער האט יענעם דערציילט פון וואס ס'האנדלט זיך, און יענער ער האט באשטעטיגט אז ער וויל עס קויפן. וואס שייך דעם בילד, האט עס יענער אוועקגעמאכט אז ס'איז נישט געפערליך. מ'האט געשלאסן מקח, און מ'האט אריבערגעשיקט די גאנצע סחורה צו אן אמאזאן ווערהאוז, פון וואו ס'האט געזאלט ווערן ארויסגעשיקט דירעקט צו די קאסטומערס.



> די משפחה האט א שידוך געטוהן קיין אויסלאנד. און פארשטייט זיך אז מ'האט גערעדט פון פליען מיט די גאנצע משפחה צום חתונה.

ס'גייט אריבער אפאר טעג, און דער קונה באקומט א מעסעדזש פון אמאזאן אז זיי זענען געפאלן אויף א חשד אז דער פראדוקט איז פאלשע סחורה, און זיי לייגן א "האלד" דערויף ביז זיי וועלן דאס מברר זיין. ס'איז גראדע נישט געווען אמת, אבער צוליב עפעס א סיבה האבן זיי באשלאסן דאס צו לייגן אין א זייט, וואס איינמאל ס'איז דארט קאסט עס אסאך צייט און כוחות צו זען די זאך מסודר.

דער קונה האט אנגערופן דעם בראוקער אים דערציילן וואס האט פאסירט, צולייגנדיג, "זעט אויס מ'דארף בעסער אכטונג געבן וואס מ'פארקויפט."

*געהערט פונעם בראוקער*

## צוריקגעריקט די חתונה

לכבוד דעם חשוב'ן מכון טהור עיניים.

איך האב געוואלט איבערגעבן א געשעעניש וואס האט פארסירט מיט מיינס א קרוב פאר צוויי און א האלב יאר צוריק.

די משפחה האט א שידוך געטוהן קיין אויסלאנד. און פארשטייט זיך אז מ'האט גערעדט פון פליען מיט די גאנצע משפחה צום חתונה.

נאר איין זאך האט זייער געשטערט פאר'ן מחותן. אז היות די חתונה איז געווען באשטימט אויף תמוז, האט דאס געמיינט זיך דרייען אין די עירפארט און אין אנדערע פרעמדע פלעצער אינעם סאמע ברען פונעם זומער סעזאן. איבעריג צו זאגן וואס דאס מיינט פאר א אידישע משפחה ווי ס'איז ממש אוממעגליך זיך צו היטן די אויגן.

האט די מחותן געבעטן פון די אנדערע זייט אז מען זאל צוריק ריקן די חתונה צו אדר, פארשטייט זיך אז ס'איז נישט אנגעקומען גרינג - און אויך נישט ביליג צו טוישן אלע טיקעטס פון די רייזע, אבער מען האט געוויסט אז מ'טוט דאס ריכטיגע און מ'האט באשטומט דעם נייעם זמן החתונה.

אריבער די חתונה מיט גרויס שמחה און מיטאמאל די וועלט הייבט אן בוזשעווען מיט די קאראנ"ע ווייר"ס, מ'ברויך קיינעם נישט דערמאנען וואס א "קאראנע חתונה" באדייט. יענס געלעכטער. א חתונה אין בונקער פארווארפן און פאריאגט אונטער פחד און אנגסט.

שוין אפגערעדט א חתונה וואס ברויך פארקומען אין אן אנדערע מדינה וואס איז ממש געווען אוממעגליך. סיי מצד די רעגירונג און סיי מצד די לופט ליניעס.

די מחותנים און די גאנצע משפחה האבן געשפירט אין די ביינער דעם 'אין אדם שומע לי ומפסיד'.

נישט אלעמאל איז מען זוכה דאס צו זעהן. און אויף דעם ברויך מען באזונדער דאנקען אז דער אויבערשטער עפענט די אויגן און ווייזט אונז אפענע ניסים. אבער מען ברויך געדענקן אז אלעס ווערט אנערקענט דארט אין הימל.

א דאנק פאר'ן אריינלייגן מיינע ווערטער.

(-)

צו מיטטיילן א מעשה פון אייער ערפארונג פאר דעם קאלום, רופט: 845.999.4114 עקס. 1-2

המשך פון זייט 2

ארויסנעמען דורך צוואנציג אנדערע וועגן.

ממש אזוי שפילט זיך אפ מיט יעדע סארט הנאה דא אויף דער וועלט. **מען קען איינפאך נישט נעמען מער הנאות וויפיל ס'איז אנגעשריבן געווארן פאר'ן מענטש.** אויב מען נעמט דאס יעצט ארויס דורך אן עבירה, וועט מען דאס שפעטער דערלייגן און נישט באקומען אויפ'ן גלייכן וועג. בסך הכל האט מען גארנישט פארדינט דערפון!

## נישט בלויז מען פארדינט נישט מער; מען דערלייגט זייער ביטער

ווען מען דערמאנט אט דעם יסוד נפלא איז געוויס וויכטיג צוצולייגן נאך א וויכטיגע פונקט, אז נישט בלויז פארדינט מען נישט מער פון אן עבירה, נאר אויב מען נעמט זיך אליין די הנאה 'באופן איסור' **דעמאלט מאכט מען זיך בפועל א שרעקליכע שאדן**, וואס מ'וועט אזוי שטארק באוויינען!

צומאל, בשעת די נסיון ברענט, קען זיך א מענטש מאכן דעם חשבון: גערעכט טאקע אז כ'וועל סייווי באקומען דעם הנאה אויב כ'וועל זיך מתגבר זיין, אבער למעשה איז מיר גרינגער עס יעצט צו באקומען ווען ס'איז דא אזא התגברות היצר חלילה.




דער אמת איז אבער אז ווען דער מענטש האט חלילה נישט קיין 'סבלנות' צוווארטן ביז דער רבוש"ע גיט אים דעם תענוג, און ער גנב'ט פון אומאויסגעהאלטענע הנאות, **האט ער אצינד זיך פאראורזאכט ביטערע נאכפאלגן וואס גייט אים נאך קאסטן א גאר טייערן פרייז**, אדאנק די יעצטיגע מינוט פון אייגן - געכאפטע הנאה.

פונקט ווי יעדער פארשטייט אז ווען א ביזנעסמאן מאכט געשעפטן, איז פארהאן אזעלכע סארט געבענטשטע דילס וואס ברענגט אריין גרויסע רווחים, אבער פארקערט איז אויך דא געשעפטן וואס אויף דער מינוט האט מען טאקע געלייזט אפאר דאלער, אבער דערנאך קאסט דאס אפ אזעלכע פראבלעמען און עגמת נפש אז דער מענטש האט ביטער חרטה און באוויינט יענעם 'פארדינסט' וואס האט אים בלויז געברענגט צו פארלירן ביזנעס, איבערהויפט ווען ער וואלט ווען געקענט נוצן דאס געלט פאר אנדערע געשעפטן, וואס וואלטן יא געברענגט שיינע רווחים.

א קלוגער ביזנעסמאן ווייסט אז ווען מען באטראכט פארדינסטן פון א געשעפט דארף מען נישט בלויז קוקן אויף דעם קורצן טערמין, נאר מען דארף האבן דעם ברייטן בליק "וואס וועט דער פארדינסט ברענגען בעתיד".

געווי דאס איז די חילוק צווישן די צוויי סארט תענוגים: די הנאה וואס מען נעמט זיך אליינס איז אפשר גוט אויף א קורצע ווייל אבער עס ברענגט ביטערע נאכפאלגן אויפ'ן לאנגען טערמין, בזה ובבא, ווידעראום די הנאה וואס מען באקומט פון הימל איז **א געבענטשטע הנאה וואס גייט ברענגען אייביגע פירות** און עס וועט פירן דעם מענטש אויפ'ן לייטער פון הצלחה בגשמיות און ברוחניות!

## ווען מען נעמט זיך אליינס האט מען בלויז שאדן

דער הייליגער **מאור עינים** זי"ע האט פארציילט, אז ווען ער איז געווען א יונג קינד איז ער ל"ע געווארן א יתום פון זיין מוטער. ער איז אויפגעוואקסן ביי א שטיף מאמע וואס האט מיטגעברענגט אירע אייגענע קינדער און זי האט אלעמאל געגעבן וויניגער פאר אים ווי פאר זיי, וואס האט אים געמאכט צער.

איינס פון די זאכן וואס פלעגט אים באדערן איז געווען אז ווען די שטיף מאמע האט געטיילט ברויט פאר פרישטאג האט זי פאר אירע קינדער אנגעשמירט פוטער אויף דעם רעפטל ברויט, אבער פאר אים האט זיך געגעבן בלויז ברויט אן קיין אנדערע צוגעהערן.

איינמאל האט זיך געמאכט אז די שטיף מאמע איז פונקט נישט געווען אינדערהיים ביים עסן פרישטאג, און דער מאור עינים האט באמערקט אז אויפ'ן טיש ליגט א שיסל מיט א ווייסע זאך וואס האט אים אויסגעזען ווי פוטער, האט ער באשלאסן צו נעמען אליין און דאס אנשמירן אויף זיין ברויט.

למעשה, ווען ער האט פארזוכט פון דעם ברויט האט ער גלייך באמערקט זיין טעות, אז דאס איז נישט געווען קיין פוטער, ס'איז געווען א ווייסע קאלעך וואס מען האט גענוצט צו בויען דערמיט... דער פראבלעם איז אבער געווארן אז נאך א ברויט איז שוין נישט געווען אין שטוב, אצינד האט ער זיך געטראפן אן קיין פוטער און אן קיין ברויט!

האט דער הייליגער מאור עינים צוגעענדיגט: **"דעמאלט האב איך זיך אויסגעלערנט אויב מען נעמט זיך אליינס, דעמאלט פארלירט מען אפילו דאס וואס מען האט שוין יא געהאט ביז יעצט! האסט געוואלט זיך אליין נעמען הנאה?! האסטו פארלוירן אלעס!"**

ריכטיג אז בשעת ווען די נסיון ברענט, דעמאלט איז אסאך שווערער צו געדענקן די אלע חשבונות, אבער טאקע דערפאר דארפן מיר זיך דאס גוט איינ'חזר'ן 'נאך איידער' א נסיון קומט אן. מיר דארפן זיך גוט אריינגעמען אין קאפ אט דעם וויכטיגן כלל, וואס באמת איז דאס די פשוט'ע אמונה פון א איד, **אז מען קען נישט קיין שאדן האבן פון גיין מיט'ן אויבערשטן, ווייל יעדע הנאה איז מיר פונקטליך אנגעשריבן!**

וויפיל מער מיר וועלן דאס געדענקן און חזר'ן, אלס בעסער און שטארקער וועט דאס אונז באשיצן פון אלעם בייזן בעז"ה!


### ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו כתבא רבא
מוה"ר **משה יודא יואל ווייס** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל שמחת נישואי בנו הבה"ח
כמר **יעקב ישראל מאיר** נ"י
עב"ג בת
מוה"ר **יואל קארנבלי** הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל
המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה
תעמוד לימינו שיזכה לבנות בית נאמן
בישראל ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

### על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**
מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 1000 גליונות**
הרה"ח ר' **מרדכי גדלי' שפיטצער**
מוה"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו / מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל עניינים






טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.** אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9